# שטילע יודישע טראגעדיעס אין היטלער'ס דייטשלאנד.

געשילדערט אין דעם בוך „מארד — געמאכט אין דייטשלאנד" פון האינץ ליעפמאן.

פון מ. אשעראוויטש.

פון האינץ ליעפמאנ'ס בוך „מארד — געמאכט אין דייטשלאנד" קומט ארויס קלאר דער פאקט, אז כאטש היטלער טרעט דייטשלאנד מיט זיין שווערען שטיוועל, איז פונדעסטוועגען נישט דאס גאנצע דייטשע פאלק אריינגעצויגען געווארען אין דער ווילדער היטלער-משוגעת.

דער פערפאסער פונ'ם בוך שילדערט סצענעס, וואס בעווייזען, אז אין דייטשלאנד ווערט איצט אנגעפיהרט אנ'ארגאניזירטע אונטער-ערדישע ארבייט פון סאציאליסטען און קאמוניסטען, וועלכע שטעלען איין זייערע לעבענס, געפינענדיג פערשידענערליי וועגען ווי אזוי צו פערשפרייטען פראפאגאנדע און צוגרייטען די מפלה פון דעם בלוטיגען היטלער-רעזשים.

די יעצטיגע סאציאליסטישע פראפאגאנדע אין דייטשלאנד דערמאנט די אמאליגע רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע אין רוסלאנד אין די צייטען פון די צארען.

און דאס איז נישט די איינציגע ליכטיגע ערשיינונג, וואס קען דינען אלס א טרייסט.

עס זענען פערהאן נאך אנדערע ליכטיגע זייטען, וואס לאזען נישט פערליערען דעם גאנצען צוטרוי צו דעם מין מענש.

פאר א ביישפיל קען מען נעמען א פאקט, וואס האינץ ליעפמאן שילדערט אין זיין בוך:

דעם ערשטען אפריל, פאראיאהרען, אין דעם טאג ווען מ'האט אין דייטשלאנד פראקלאמירט דעם באיקאט אויף יודען, זענען אין האמבורג ארומגעגאנגען איבער די גאסען 4 דייטשען, קריסטען, און אלע מאל זענען זיי אריינגעקומען אין אנ'אנדערע יודישע קראם און האבען דארט עפיס געקויפט.

זיי האבען אין דער אמת'ן גארנישט געדארפט קויפען, אבער זיי האבען דאך געקויפט קלייניגקייטען, כדי דערמיט אויסצודריקען זייער פראטעסט געגען דעם בארבארישען באיקאט אויף אומשולדיגע מענשען...

די בעוואפענטע און „שטורמיסטען" האבען אלע מאל דא און דארט אבגעשטעלט די 4 דייטשען — „דא איז דאך א יודישע קראם; געהט נישט אהין". אבער די 4 דייטשען האבען מוטיג און דרייסט געענטפערט, אז זיי געהען אהין דוקא דערפאר, וואס ס'איז א יודישע קראם.

אויף איין ארט שטעלען זיך אב די 4 דייטשען און פרעגען זיך נאך אויף א געוויסען יודישען דאקטאר. און ביי וועמען פרעגען זיי זיך נאך אויף איהם? טאקע ביי די „שטורמיסטען", וואס גיבען אכטונג, אז מ'זאל מיט אלע פיטשעווקעס דורכפיהרען דעם באיקאט אויף יודען!

זיי קומען אריין צום יודישען דאקטאר און מיט א פאר מינוט שפעטער קומען זיי פון דארט ארויס שטארק צוטראגען און צוטומעלט. איינער פון זיי רופט צו דעם „שטורמיסט" און זאגט איהם:

— קום אריין מיט מיר!

דער „שטורמיסט" ווייסט נישט וואס מ'וויל פון איהם, לאזט ער זיך אריינפיהרען אינעווייניג, און ווען ער קומט אריין אינ'ם דאקטאר'ס קאבינעט, וואו עס שטעהן א סך שראנקען מיט ביכער דערזעהט ער ווי עס הענגען צוויי מענשען — דער דאקטאר און זיין ווייב.

דער בעוואפענטער „שטורמיסט" אין דעם נאצישען אוניפארם דערשרעקט זיך און ער וויל שוין ארויסלויפען צוריק, אבער די 4 דייטשען לאזען איהם נישט.

— זעה — זאגען זיי איהם — קוק זיך גוט צו.

ער קען נישט קוקען; ער איז צוטומעלט; די שרעקליכע סצענע מיט די צוויי געהאנגענע, וועלכע האבען אליין געמאכט א סוף צו זייער לעבען, ווירקט אויף איהם אזוי, אז די פיס בויגען זיך ביי איהם און ער פיהלט, אז אט-אט וועט ער אומפאלען, בעט ער זיך:

— לאזט מיך ארויס!

אבער די 4 דייטשען האלטען איהם.

— קוק זיך גוט איין אין זייערע פנים'ער! — זאגען זיי איהם — בעטראכט זיי גוט!..

און ער קוקט אויף די צוויי געהאנגענע, קוקט און קוקט, און ווען ער געהט ארויס איז ער שוין נישט דערזעלבער מענש וואס פריהער. און אין אווענד קומט ער אהיים א צוטראגענער און געהט ארום ווי א צומישטער. און אויף מארגען, ווען ער שטעהט אויף אין דער פריה, טהוט ער מעהר נישט אן דעם נאצישען מונדיר און ווען דאס ווייב פרעגט איהם פארוואס ער טהוט נישט אן דעם אוניפארם, ענטפערט ער:

— פערברען, אדער גיב אימיצען אוועק, איך וועל איהם מעהר נישט טראגען...

א מענש דוקא א גוטער איז אריינגעשלעפט געווארען אין דער היטלעריסטישער בהלה; עס האבען איהם אהין צוגעצויגען די פאראדען, די פייערליכע צערעמאניעס, וואס ווערען געפראוועט מיט פויקען און טראמפייטען; ער האט אודאי טאקי געגלויבט, אז מ'געהט ראטעווען דייטשלאנד. אבער ווען ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען דערזעהן ווי דער היטלעריזם ברענגט טויט און פערניכטונג אויף אונשולדיגע מענשען, ווען ער האט דערזעהן די צוויי געהאנגענע, האט ער שוין מעהר קיין נאצישען אוניפארם נישט געקאנט טראגען; ער האט געפיהלט, אז ער האט אויך א חלק אינ'ם טויט פון יענע צוויי אומשולדיגע מענשען.

און וואו איז יעצט יענער מענש? וואו זענען נאך און נאך אזעלכע ווי ער, וועלכע האבען אויפגעשוידערט דערזעהענדיג פאר די אויגען יודישע דאקטוירים און אדוואקאטען און פראפעסארען, וועלכע האבען געמאכט א סוף צו זייער לעבען דערפאר וואס זיי האבען שוין מעהר נישט געקענט אריבערטראגען דעם וועהטאג און די שאנדע? וואו זענען זיי? וואס איז מיט זיי געווארען?

זיי זענען איצט אודאי אין די קאנצענטראציאנס - לאגערן, וואו מענשען ווערען פערפייניגט און פערמוטשעט צום טויט, וואו מען שיסט פערצווייפעלטע און דערשלאגענע מענשען, אנגעבענדיג נאכדעם א תירוץ, אז זיי האבען געמאכט א פערזוך צו אנטלויפען".

אין האינץ ליעפמאנ'ס נאוועלע „מארד — געמאכט אין דייטשלאנד", ווערט אויך געגעבען א בילד ווי אזוי יודישע קינדער ליידען אין די דייטשע שולען איבער דעם וואס מ'האט מיט'ן היטלעריזם פער'סמ'ט די מוחות פון די דייטשע קינדער.

א יודיש יונגעלע מיט'ן נאמען אוירווין קאהען טרעפט אין גאס זיינעם א חבר, א דייטש יונגעלע מיט'ן נאמען פרעדי. ביידע יונגלעך צורעדען זיך. פרעדי דערצעהלט דעם חבר, אז אלע יונגלעך אין שולע האבען זיך ארגאניזירט אין א „ליגע" און די אויפגאבע פון דער ליגע איז אויסצוראטען אלע מארקסיסטען און יודען.

פרעדי ווייסט אזוי פיעל וועגען מארקסיסטען און יודען פונקט ווי ער ווייסט וואס ס'טהוט זיך אויפ'ן שטערן מארס אדער אויף דער לבנה. אבער ער פלאפעלט נאך וואס ער האט געהערט פון די עלטערן און ער גיט דעם יודישען חבר אנ'עצה, אז ער זאל מעהר אין שולע נישט קומען.

— קיינער — זאגט ער — דארף דיך דארט נישט,

דאס יודישע יונגעלע קומט אבער דאך אין שולע, אבער ער מוז שוין זיצען אויף אנ'אנדערע באנק, ווייטער פון די אנדערע יונגלעך, גלייך ער וואלט געווען א קרעציגער, צו וועמען מ'טאר זיך נישט צוריהרען.

עס קומט אריין דער לעהרער פון מאטעמאטיק, אנ'אלטער, בכבוד'יגער מאן, א ליבעראל פונ'ם אלטען שניט, און אזוי שנעל ווי ער קומט אריין גיבען זיך אלע שילער א הויב אויף און סאלוטירען אויפ'ן נאצישען שטייגער און שרייען אויס: „הייל היטלער!"

דער אלטער לעהרער מאכט זיך נישט וויסענדיג: ער האלט די אויגען ארונטערגעלאזט צו דער ערד און באלד איז ער שוין פערנומען מיט זיין אויפגאבע אלס לעהרער. ווען ער ענדיגט די לעקציע, ווערט ווידער א מטמעל: די שילער סאלוטירען אויפ'ן נאצישען שטייגער און שרייען ווידער „הייל היטלער"! אבער דער לעהרער מאכט זיך ווידער נישט וויסענדיג און געהט ארויס שנעל.

דער אלטער לעהרער וואלט אזוי געוואלט זאגען די שילער, אז לערנען קעהר זיך נישט אן מיט פאליטיק און אז קינדער דארפען זיך נישט מישען אין קיין פאליטיק, אבער ער ווייסט, אז דאס איז א געפאהר, און ער ווייסט אויך, אז זיינער א קאלעגע האט פערלוירען די שטעלע איבער דעם, וואס ער האט געזאגט דאס זעלבע, וואס ער וויל איצט זאגען.

שווייגט ער שוין בעסער, האלט ער דעם קאפ ארונטערגעלאזען צו דער ערד און געהט זיך אוועק.

דאס יודישע יונגעלע אוירווין קאהען בלייבט אליין מיט די אנדערע קריסטליכע שילער. ער האט מורא דאס מויל צו עפענען, ער האט מורא זיך צו געבען א ריהר און דאן ווערט ער מיטאמאל ארומגערינגעלט פון אלע שילער אין קלאס; זיי מארשירען ארום איהם ווי אויסגעמושטרירטע סאלדאטען און זינגען דעם נאצישען הימן, וואו עס זאגט זיך, אז „בלויז דאן, ווען די יודען וועלען אבגעהן מיט בלוט וועלען די דייטשען זיין פריי".

נאכדעם קומט אריין דער פראפעסאר פון געשיכטע. דאס איז שוין דער נייער טיפ „פראפעסאר" — א היטלעריסט פונ'ם קאפ ביז די פיס. אזוי שנעל ווי ער קומט אריין, בעגריסט ער זיך מיט די שילער אויפ'ן נאצישען שטייגער און שרייט אויס: „הייל היטלער"! די שילער גיבען זיך אלע א הויב אויף און סאלוטירען. דאס יודישע יונגעלע אוירווין קאהען הויבט זיך אויך אויף, אבער ער סאלוטירט נישט אויפ'ן נאצישען שטייגער, אויפהויבענדיג די רעכטע האנד אין דער הויך, ווייל ער געדענקט, אז ווען ער האט דאס איין מאל געטהון, האט דער פראפעסאר איהם געזידעלט דערפאר און האט איהם געזאגט, אז ער איז א „חוצפה'דיגער יודישער שנעק" און אז ער מאכט חוזק פון דעם נאציאנאלען דייטשען סאלוט.

ווען אלע יונגלעך האבען זיך אוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער, איז דער פראפעסאר צוגעגאנגען צום יודישען יונגעלע און האט איהם אנגעהויבען זידלען מיט די ערגסטע, גרעבסטע און שמוציגסטע ווערטער פארוואס ער האט נישט סאלוטירט אויפ'ן נאצישען שטייגער.

— איהר האט דאך מיר געזאגט, אז איך זאל דאס מעהר נישט טהון—האט דאס יודישע יונגעלע זיך געפראוווט פערענטפערן.

דער פראפעסאר איז געווארען אנ'אנגעצינדענער — וואס? — האט ער אויסגעשריגען ווי א ווילדער — איך האב דיר געזאגט? איך האב צו דיר גערעדט? נישט אנדערש נאר דו ביזט פון זינען ארונטער. איך רעד קיינמאל נישט צו קיין יוד און נישט צו זייערע ממזרים.

און ווענדענדיג זיך צו די אנדערע שילער, האט ער געפרעגט:

— זאגט איהר, האב איך גערעדט צו אט דעם לויזיגען, פאסקודנעם יודעל?

— ניין, ה' פראפעסאר — האבען אלע שילער אויסגעשריגען און באלד נאכדעם האבען זיי אויסגעשאסען א געלעכטער.

די סצענע, וואס ווערט געשילדערט אינ'ם בוך, איז א פיינליכע און מען זעהט אין איהר די גרויסע און טיעפע טראגעדיע פון דעם יודישען קינד אין די דייטשע שולען אונטער היטלער'ס רעזשים.

עס איז כדאי איבערצוגעבען ווי אזוי די סצענע ווערט געשילדערט:

„דו הערסט?—שרייט אויס דער פראפעסאר, נאכדעם ווי ער זעהט ווי אלע שילער האלטען מיט איהם—דו הערסט? און דו ווילסט מיר איינרעדען, אז איך האב דיר עפיס געזאגט. אט אזעלכע תירוצים קלערסטו אויס. דו האסט קיין מוט נישט צו זאגען דעם אמת. אבער פארוואס זאלסטו נישט זאגען דעם אמת? אויב דו האסט אונזער קאנצלער, טא פארוואס זאלסטו דאס נישט ארויסזאגען פראנק און פריי? אבער דו ביזט דאך א יוד און דו קענסט נישט זיין

בעשטראפען די שולדיגע און זיך בעמיהען, אז אזעלכעס זאל זיך אין דער צוקונפט מעהר נישט ווידערהאלען.

## „אורקע נאכאלניק".

עס איז גענוג געווען, אז די דאזיגע צוויי ווערטער זאלען זיך בעווייזען אויפ'ן אפיש און עס זאלען אנהויבען שטראמען הונדערטער טעאטער-געהער נאך בילעטען.

א מערקווירדיגע ערשיינונג. צעהנדלינגער טרופעס האבען בעזוכט אונזער שטאדט, מאנכע האבען געהאט מעהר, אנדערע האבען געהאט ווייניגער ערפאלג, נאר אזא קאלאסאלען ערפאלג, ווי עס האבען געהאט די צוויי קינסטלער שושנה און מאריס לאמפע מיט זייער אורקע נאכאלניק'ס „דינטוירע", האט נאך קיין שום יודישע טרופע ביז איצט נישט געהאט.

4 מאל האבען זיי געשפיעלט און 4 מאל איז געווען אויספערקויפט ביז צום לעצטען בילעט. הונדערטער מענשען האבען זיך פשוט געבעטען רחמים, אז מען זאל אויף זיי רחמנות האבען און זיי פערקויפען א בילעט אויף דער פארשטעלונג. אנדערע ווידער זענען געגאנגען אויף קידוש-השם און זיך געוואלט מיט געוואלד אריינקריגען (ווייל ס'זענען שוין נישט געבליבען קיין בילעטען).

פאר מיר, וועלכער אבסערווירט די דאזיגע ערשיינונגען איז נישט קלאר, וואס דא האט געווירקט, ווער ס'האט גורם געווען צו דער מאסען-„עליה". שושנה מיט מאריס לאמפע, צי אורקע נאכאלניק און אפשר ביידע צוזאמען, א פאקט איז אבער, אז די טויזענדער בעזוכער האבען הייס אפלאדירט די קינסטלער, וועלכע האבען ווירקליך וואונדערבאר געשפילט די דאזיגע פיעסע, וואס מען רופט „אורקע נאכאלניק".

כ'ווייס נישט צי איך זאל זיך פרעגען, צי איך זאל האבען פערדרוס וואס גראד „אורקע נאכאלניק" האט געהאט אזא קאלאסאלען ערפאלג. בעסער נאטירליך — וואלט געווען צו זעהן דעם גרויסען קינסטלער מ. לאמפע אין זיינע קרוין - ראלען פון „אורטייל", „טוביה דער מילכיגער" א. א. זאל מען אבער האפען, אז ס'וועט נישט לאנג דויערן און די דאזיגע ארטיסטען וועלען אונז ווידער בעזוכען און געבען מעהר ליטעראַרישע פיעסען, וועלכע וועלען האבען דעמזעלבען ערפאלג ווי „אורקע נאכאלניק".

פון אונזער זייט אבער זאגען מיר אייך, ליעבע שושנה און לאמפע, אונזער הארציגען דאנק, דערפאר, וואס ס'איז אייך געלונגען ארויסצורייסען די מאסען פון זייער פערגליווערטקייט און זיי אריינצופיהרען אין טעאטער אריין.

## א קאנצערט-פערזאמלונג.

איך האב שוין געזעהן פערשידענע קאנצערט-אויפטריטען: א קאנצערט פון מוזיק, א קאנצערט פון געזאנג, אפילו א קאנצערט-מיטינג, די וואך האב איך בייגעוואוינט א קאנצערט-פערזאמלונג.

דאס איז געווען אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער גמילות-חסד קאסע, אגראדאווא 6.

דער פארזיצער, די פערזאמעלטע, אלע האבען אין זייערע רעדעס געהאלטען און איין זינגען לויב-ליעדער דער פערוואלטונג פאר איהר אונערמידליכער מסירות-נפש'דיגער ארבייט, האבען זיי אנגעווינשען כל-טוב און זיי ווייטער אנפערטרויט צו שלעפען דאס פעקיל, דעם יאך פון דער גמילות-חסד-קאסע.

די פערזאמעלטע זענען געווען די אמת'ע „עמך", וועמען עס פעהלט נישט קיין צרות די היינטיגע צייט, פונדעסטוועגען האט קיינער נישט געהאט קיין טענות, נישט געשאלטען, נישט זיך בעקלאגט, נאר אלע, ווי איין מאן, ווי א גוט-איינשטודירטער כאר, האבען אין איין געמיינזאמער סימפאניע אבגעזינגען די פערזאמלונג, אזוי, אז מען האט געהאט דעם איינדרוק, ווי עס וואלט גארנישט פארגעקומען קיין פערזאמלונג וועגען אזא פראזאאישען ענין ווי געלד, וועגען געבען הלוואות אדער נישט געבען, נאר ס'האט געמאכט דעם איינדרוק פון א נוט - איינגעגעבענער קאנצערט-פערזאמלונג.

## ווי אזוי יודען טייטשען אויס...

ווי, געוועהנליך נוצען א סך יודען אויס דעם שבת'דיגען טאג, כדי צו ערלעדיגען פערשידענע ענינים אין סקארב, מאגיסטראט, קראנקען-קאסע, ווארום אין אלע אנדערע טעג פון דער וואך, זענען זיי פערנומען מיט זייערע גראשענדיגע פרנסות און נאר דעם איינציגען פרייען טאג — שבת, האבען זיי די מעגליכקייט זיך אבצויאגען פון די אויבענדערמאנטע צרות.

אמאל איז דער שבת אויסגענוצט געווארען אויף מנוחה, אויף תענוג; די היינטיגע צייטען אבער האט מען שבת אויך נישט רוה. אפילו די רשעים אין גהינם, זאגט מען, האבען שבת מנוחה, אויף אונזער וועלט אבער האבען אפילו צדיקים אויך נישט קיין רוה...

טרעפט מען טאקע אין א שבת'דיגען טאג יודען אין סקארב, וואו זיי ווארטען, אז דער נאטשעלניק אדער אנ'אנדערער קיעראווניק זאל בעוויליגען זיי אנצונעמען.

זיצען זיי, די יודען, און שמועסען צווישען זיך. יעדער דערצעהלט וועגען זיין פעקיל צרות, קוקען זיי אויף די טהירען, וואו עס זענען אויפגעקלאפט פערשידענע שילדלעך, ווי „רעפעראט עקזעקוציני", „סאלא סעקוועסטראטארוב" א.ז.וו. פאלט איינעם איין א געדאנק און ער זאגט א וויץ: זאגט מיר, יודען, ווי אזוי וואלט מען, א שטייגער, למשל, אין תל אביב, וואו די אויסשריפטען זענען אין העברעאיש, אויפגעשריבען דאס זעלבע אויף די שילדלעך? גלאצען אלע מיט די אויגען און ווייסען נישט, וואס צו ענטפערען. זאגט ווייטער דער יוד: לויט מיין מיינונג, וואלט מען געדארפט אויפשרייבען אויף אזא אופן: אנשטאט „רעפעראט עקזעקוציני", וואלט מען אויפגעשריבען „גהינם", אנשטאט „סאלא סעקוועסטראטארוב" — מלאכי חבלה. די אנגעווענדע האבען ביטער געשמייכעלט און מסכים געווען מיט דעם יודען.

פערשטעהט איהר, ווי אזוי יודען טייטשען אויס...

## מען זוכט א סטענאגראפיסטקע.

אבי מען בעקלאגט זיך, אז מען קאן נישט בעקומען די היינטיגע צייטען קיין פאסטען. אט, למשל, בעט זיך די קהלה רחמים, אז ס'זאל זיך מעלדען א סטענאגראפיסטקע, וועלכע קאן שוין צוטרעטען צו דער ארבייט.

איי, וועט איהר דאך פרעגען, עס איז דאך שוין געווען א סטענאגראפיסטקע, וועלכע האט נעביך שווער און ביטער געארבייט ביי די זיצונגען און סטענאגראפירט אלע רעדעס, וואס אונזערע זקני העדה לאזען ארויס פון זייערע חכמה'דיגע מיילער?! איז דער תירוץ, אז אפילו די סטענאגראפיסטקע האט נישט געקאנט בעפרידיגען די אזוי פיעל פערלאנגענדיגע פרנסים מהמת דעם, וואס לויט זייער מיינונג, האט זי נישט אויף גאנצע טויזענד פראצענט ערפולט זייער האפנונג, ווארום געוואלט האבען זיי, אז די סטענאגראפיסטין זאל זיין ביכולת צו סטענאגראפירען אזוי, אז פון זייערע נארישקייטען זאלען ארויסקומען חכמות... זוכען זיי טאקע אזא סטענאגראפיסטין, א קונצענמאכערין, וואס זאל דאס יא קאנען...

ווער עס ווייסט פון אזא סטענאגראפיסטין, קען פערדינען מעקעל-געלד...

לויתן.

